# בית יעקב

## ליטעראַרישער באַמיליען-זשורנאַל

יאָרגאַנג 8

ארגאַן פאַר די אינטערעסן פון די בית-יעקב-שולן
און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילן
רעדאַקטאָר: א. ג. פרידנזאָן

נומער 69

— דערשיינט יעדן צווייטן פרייטיק —

ב״ה, לאָדזש פרייטיק פ׳ אח״ק ז׳ אייר תרצ״א | Łódź Kwiecień 1931

# סדר-היום פון צענטראַל-ראַט צוזאַמינפאַר פון בנות-אגודת-ישראל אין ווארשע — זונטיק און מאָנטיק ט-י אייר

## זונטיק ט׳ אייר 6 אָוונט

### פייערלעכע ערעפנונג

א) עפינונגס - רעדע
ב) באַגריסונגען
ג) טעטיקייטס-באַריכט פון צענטראַלן סעקרעטאַריאַט
הארכיון היהודי
ד) די בילדונג-פראַגע ביי דער יידישער פרוי — רעפעראַט
ה) קלויבן אַ פרעזידיום

## מאָנטיק י׳ אייר 11 פרי

ארכיון אסופות

### צווייטע זיצונג

ו) וויכוחים
ז) יידיש לשון אַלס פאַקטאָר אין אונדזער ערציאונגס-אַרבייט — רעפעראַט
ח) ארגאַניזאַציע-פראַגן אין בתיה-פאַרבאַנד—רעפעראַט
ט) ליטעראַטור און פרעסע — רעפעראַט
י) ארץ-ישראל — רעפעראַט
יא) די קולטורעלע און עקאָנאָמישע נויט פון יידישן מאַסן - קינד — רעפעראַט

## מאָנטיק י״א אייר 4 נאָכמיטיק

### דריטע זיצונג

יב) אַלגעמיינע וויכוחים
יג) פרויען-גלייכבארעכטיקונג אינים ליכט פון יידנטום—רעפעראַט
יד) פרייע פאַרשלאַגן

## מאָנטיק די נאַכט צו י״א אייר האַלב ניין אָוונט

טו) החלטות

## 11 ביינאַכט פייערלעכער באַנקעט

די פייערלעכע ערעפנונג-זיצונג וועט זיין אין גרויסן זיצונגס-זאַל פון וואַרשעווער שטאָט-ראַט. די מאָנטיקדיקע זיצונגען וועט באַזונדער באַקאַנט געמאַכט ווערן אין וועלכן זאַל.

דינסטיק באַזוכן די מערקווירדיקייט פון דער פוילישער רעזידענץ אין באַגלייטונג פון וואַרשעווער חברות!

לייענט דעם קומענדיקן באַריכט - נומער פון בית-יעקב-זשורנאַל № 70 וואו ס׳וועט זיך געפונען אַן אויספירלעכער באַריכט פונים צוזאַמינפאָר און די פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס!

לייענט די ידיעות אין „טאָג-בלאַט". וועגן אַלע ווייטערע פרטים, וואָס נוגע דעם צוזאַמינפאָר. ביז איבערן צוזאַמינפאָר דאַרפן אַלע בריוו אין ... ס. אַדרעסירט ווערן:

Centrala „Aguda" Warszawa Graniczna 9
skrz.pocz. 103 „dla Sekretarjatu".

# גילייגט אַ יסוד...

## (פון דער גרונטשטיין חגיגה אין דלוגאשאַדלע)

יעדער פון אונדז שפירט שוין לאַנג ביי זיך, אַז עפּיס זענין מיר נישט גירעכט, מיר זענין אונדזערע קינדער אַ שטיקל בעל-חוב. יא, מיר זארגן פאַר זייער חינוך, מיר שאַפן און פירן חדרים און שולן, מיר זענין זיך מטריח און טאַקע מיט אַלע אונדזערע כּוחות זיי צו געבן אַזאַ חינוך, ווי ס-האָבן אונדז גיגעבן אונדזערע עלטערן, פיין, שיין און וואוי. פון אונדזער זייט — פאַרט איז דאָס נאך נישט אַלץ!

וואָס האָבן מיר גיטוען פאַרן גיזונט פון אונדזערע קינדער? וואו זאָל אונדזער קליינוואַרג און יוגנט זיך דערקוויקן מיט אַ ביסל פ ר י ש ע ר לופט? מילא די קינדער פון רייכע פאַרמעגלעכע עלטערן זענין נאך אין דעם פּרט אביסל פאַרזארגט, אבער די אויסגימאַטערטע און שוואַכע גופים-לעך פון אָרימן מאַסן-קינד, פאַר זיי האָבן מיר שוין גאָר קיין התחייבות?

מיט אַ פינף יאָר צוריק בין איך גיוועזן אין דער באַקאַנטער מעדעם - סאַנאַטאָריע אין מיעדזשין (ביי אטוואצק), וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איך בין רויט גיוואָרן פאַר בושה און ס-האַרץ איז מיר פאַרגאַנגען פאַר קנאה... פונוואַנעט נעמען דאָס אָרימע פּראָלעטאַריער אַזוי פיל געלט? אַזאַ בנין און אַזאַ איינריכטונג קאָסט דאך אַ מטמון מיט געלט! ווי אַזוי דאָס איז גישאַפן גיוואָרן האָב איך מיר גישטעלט אַ שאלה. באַלד בין איך גיוואָר-גיוואָרן, אַז ס-רוב איז-ס פון אַמעריקאַנער געלטער פון „דזשוינט" און ענלעכע מקורים און נישט ווייניק אויך פון גיזאַמלט גראָשנס פון אָפּגישפּאָרטן אַרבעטס-לוין.

נאָכן דערגיין דעם „סוד" מיט די אַמעריקאַנער, איז ביי מיר פונדעסטוועגן נישט אָפּגינומען גיוואָרן דאָס התפעלות פאַר דער מעדעם - סאַנאַטאָריע, ווייל גיוואוסט האָב איך שוין דעמאָלט אַז אפילו מיט אַמעריקאַנער געלטער און אַלע איבעריקע גליקן מוז אַזאַ בנין אויפבויען, פירן און אויסהאַלטן, האָבן מענטשן מיט ענערגיע, חוש פאַר זער אַך און נאך מיין טאַקע דעם גיניטן אָרגאַניזאַציע אַפּאַראַט.

אַריינקוקנדיק אין דער הנהגה פון אינווייניק אין דער סאַנאַטאָריע און נאָכן באַקענען זיך מיטן קינדער-לעבן דאָרט שוין די רוחניות-דיקע זייט דערפון, איז מיר דאָס בלוט אין די אָדערן פאַרגליווערט גיוואָרן... די קינדער האָבן וואָס אַן-אמת שוין יידיש גיפּלאַפּלט, אבער אַלץ אַזוי פרעמד, ווייט פון דעם יידיש, וואָס מיר פאַרשטייען, אַז ס-איז טאַקע י י ד י ש... איך הייב אָן אַ דרישה וחקירה ביים ד רעקטאָר פון דער סאַנאַטאָריע און ער דערציילט מיר, אַז פון די אַלע „קלעריקאַלע פרומע זאַכן" איז ביי זיי קיין סימן נישטאָ. וואָס מיר שבת? ווער מיר כּשרות? ציצית, תפילין, דאַוונען. ווי קומט דאָס צו אונדז סאָציאַליסטן? און דערביי גיט ער צו מיט טריאומף — א י י ע ר ע פרומע יידן בעטן זיך דאך תחנונים, אַז מיר זאָלן זייערע קינדער דאָ אַריינ-נעמען און דערציילט באַלד אַ פאַקט פון דעם זעלבן טאָג, ווי אַ מלמד פון אַ וואַרשעווער תלמוד תורה האָט זיך מיט טרערן אין די אויגן גיבעטן אַריינצונעמען זיינס אַ קינד...

פאַרשטייט זיך אַז זיינע ווערטער האָבן מיר גישטאָכן, ווי אַ גליעדיקע שפּיז אין, האַרצן און אַ פאַרשעמטער בין איך פון דאָרט וועק...

זייער פיינלעכע מחשבות זענין מיך באַפאַלן. אַרום און אַרום, די גאַנצע „אטוואצ-קער ליניע" באַוואוינט מיט צענער טויזנטער יידן חרדים צווישן זיי ווי נישט שייך, אויך אַ ביסל עשירים און זיכער אויך נדבנים און זיי טוען גאָרנישט אַ טראַכט דערוועגן. ס-טייטש ! בין איך אַ פאַרביטערטער גיקומען קיין וואַרשע און זיך אָפּגירעט ס-האַרץ פאַר אַ פּאָר היימישע פריינט. אביסל שפּעטער האָט זיך באַוויזן אַ ידיעה, אַז דער פירער פון אונדזער חינוך-באַוועגונג ר' זושא פרידמאַן האָט אויס-גיאַרבעט אַ פּלאַן פון אַ ספּעציעלער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זארגן פאַרן גיזונט פון אָרטאָדאָקסישן* שול-קינד, אבער באַלד איז דער-מיט גיוואָרן שאַ-שטיל.



דער דלוגאשאַדלער רב באַגריסט די חגיגה

נאָר ווי זאָגט מען עפּיס „בעסער שפּעטער ווי קיינמאָל". סאיז-אונדז שוין לײדער באַשערט צו פאַרשפּעטיקן זיך, פאָרט קומען מיר מיט פאַמעלעכע טריט צו אַלע מוסדות, וואָס זענין אונדז נייטיק. מיט צוויי יאָר צוריק איז אין וואַרשע גישאַפן גיוואָרן די חנוך-אָרגאַניזאַציע „יהודית" און איינס פון איר ערשטער אַרבעט איז גיוועזן, אַ זומער-קאָלאָניע פאַר אינדזערע שול-קינדער און פאַר אַ יאָרן האָט שוין די קאָלאָניע גיהאַט אַ שם אין אונדזער וועלטל. די בית-יעקב-אָרגאַניזאַציע און די חורב-צענטראַלע איז צוגישטאַנען צו דער אַרבעט און באַלד ענערגיש גינומען טראַכטן וועגן פאַרברייטערן דידאָזיקע אַרבעט און אָט האָבן מיר שוין זוכה גיווען צו לייגן אַ יסוד פון אַ גרויס בנין, וואָס מיר קענען גאָרנישט אָפּשאַצן ס-חשיבות דערפון. ס-וואָלט גיוועזן אַ שטיקל עוולה נישט צו דערמאָנען ד רביי די גרויסע טירחא פון שול-דירעקטאָר ר' יואל אונגער, דעם הויפּט-מיסד פון דעם בנין, ער האָט דערפאַר אַ סך, גאָר אַ סך זיך מטריח גיוועזן און אין דלוגע-שאַדלע איז ה' אונגער טאַקע גיוועזן דער אמת-ער „מחותן" בראש פון דער שיינער האַרציקער חגיגה.

בסך-הכל זענין מיר גיוועזן ביי דער חגיגה, אַ פּאָר היימישע מענטשן, דערפאַר אַלץ בעלי-מעשה. און די וואָס לעבן טאָג אויף טאָג פאַר-קניפּט מיט די צרכים פון אָרטאָדאָקסישן עולם: דער הדרת-פּנים-דיקער חשובער ראַטמאַן פון דער רעזידענץ ר אייזיק בער עקערמאַן, דער תמיד מיושב-דיקער בעל-סברא און באַלײַב-טער ר' זושא פרידמאַן, דער פריינט פון אַלץ און אַלע, וואָס



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 069 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# לא המדרש עיקר!...

## (צום צענטראל-ראט צוזאמינפאר פון בנות-אגודת-ישראל)

**נאך** אן-הפסקה פון צוויי יאר קומין מיר זיך ווידער צוזאמין. אונדזערע קאנפערענצן ביז היינט האבן ב"ה נושא פירות גיוועז. שוין דאס, אז א שיין ביסל החלטות זענין אויסגיפירט גיווארן איז א גוטער סימן. מיט א באזונדערער שמחה קאן מען דאס זאגן אקייגן די החלטות פון דער צוויי-זער לאנד-קאנפערענץ, וואס איז גיוועזן אין לאדזש מיט צוויי אר צוריק גראד אינים זעלבן טאג ווען מיר וועלן זיין אין ווארשע. ס-איז זייער גיוואונטשן, אז אלע חברות און דעלעגאטנס וואס קומין צום צענטראל-ראט צוזאמינפאר, זיי זאלן לייענין דעם באריכט-נומער פון בית-יעקב 43, כדי צו קענין מאכן א חש-ון פון דעם וואס איז יא אדער נישט אויסגיפירט גיווארן פון די דעמלטיקע החלטות. נישט דא איז דאס ארט אויסצורעכינין, אונדזערע מעשים במשך די צוויי יאר, וואס זענין על-פי-רוב באקאנט. אגב וועט א אויספירלעכער טעטיקייט-באריכט אויפן צוזאמינפאר גיהערט ווערן, דאס וואס מיר ווילן אבער דא יא זאגן האט עס נאר אשייכות פעסט צו שטעלן אונדזער קוק אויף דער צענטראלער ארבייט. מיר גייען ארויס פון דער הנחה, אז קודם-כל מוז גיארבייט ווערן און ביי די גאנצע פראפאגאנדע וואס מיר פירן, וואס קען אמאל אויסקוקן ווי „בלאף" איז עס פארט נישט אזוי. ס-ווער מיין, א סך מיין גיארבייט ווי גירעדט...

א צענטראלע דארף זיין דער מעורר, דער ארגאן וואס שטופט צו ארבייט, ווייזט אן ווי אזוי צו ארבייטן, ברענגט אריין חיות אין דער באוועגונג, רופט ארויס אלעמאל נייע מעשים, שטייט אויף דער וואך און דאס אלץ איז גיטון גיווארן מיט א עודף און דערביי נישט גיקארגט קיין מי איבער די כוחות.

אויף דעם היינטיקן צוזאמינפאר לייגן מיר גרויסע האפנונגען. מיר דערווארטן נישט בלויז שיינע רעדעס, נאר ס-ווילן זיך הערן די ערנצטע ווערטער און פירלייגן, וואס זאלן דערנאך מחייב זיין צו מעשים.

שוין דאס וואס ס-קומין צום צוזאמינפאר אונדזערע אויסגיקליבינע חברות און פירערנס פארשטארקט ביי אונז דעם בטחון אז ס-וועט אזוי זיין.

מיר זענין גרייט אויפצונעמין נייע החלטות און מיר וועלן בעזר השם, איך די פרישע ווי אלע פריערדיקע אויפרופן, כדי אונדזער ארבייט זאל וואקסן אין דער ברייט און זיך פארשטארקן אין דער טיף... מיר וואונטשן זיך, אז ון היינטיקן צוזאמינפאר זאל א-ויס דער רוף צו אלע חברות: לא המדרש עיקר אלא המעשה...

**צענטראלער סעקרעטאריאט**

*

רופט אויף אלע מאל מיט זיין גיוויסנס-פעדער דעם עולם צו א פרישער עלי', ר' אברהם מרדכי ראגאווי, דער טיף אין זיך טראכטנדיקער חוקר, ר' יודא לייב ארלעאן, די חשובע ווארשעווער בעלי-בתים עלבינגער, ריבא, דער אבסערוואטאר און באשרייבער פון „עמך אין שטעטל", ב. סאקאלאוו, דער יינגער גישיקטער זשורנאליסט משה מארק, אצינד דער „מחותן" ר' יואל אונגער ואני הקטן, וואס די ווייטע נסיעה האט מיר צוגיגעבן דאס חשיבות פון א גאסט...

פון אלע אסיפות און חגיגות, וואס כ-בין שוין גיוועזן ביי זיי, זינט אונדזער גיזעלשאפטלעך לעבן בויט ז.ך, איז ביי מיר דער רושם פון אט דער באשיידינער חגיגה גיוועזן א סך שטארקער. ס-ביי מיר נישט קיין ספק, אז מיטן לייגן דעם יסוד צו דעם בנין, פון דער ערשטער ארטאדאקסישער זומער-קאלאניע, עפינין מיר א נייע תקופה אין אונדזער חינוך-ארבייט. מיר וועלן אריינפירן א גאנץ נייעם קוק ביי אונזערע יידן, וואס עס הייסט חינוך. דער ארטאדאקסישער ייד, סיי דער פשוטער חבר, סיי דער עסקן וועט אנהייבן פארשטיין, אז פאר אונדזער קינדס-ערציאונג מוז מען זארגן מיט א ברייטערן פארנעם. אי דער גוף. אי די נשמה פון אונדזער קינד מוז דורך אונדז פארזארגט ווערן און לאמיר טאקע האפן, אז דער ברייטער עולם וועט גיין צו הילף, די באשעפער און בויער פונים וויכטיקן בנין און מיר וועל באלד זעען די פרייד פון אונדזערע שלמה-לעך און רחל-לעך ביים קוויקן זיך מיט לופט, וואסער און זון!

*

אצינד א פאר שורות וועגן פלאן פון דער קאל ניע:

די געגנט איז אויף ווייטע שטחים ארומגירינגלט מיט בלויז נאדלביימער, זאמדיק און טרוקן; די לופט א גיזונטע און פון מעדיצינער שטארק גילויבט פאר דעם צוועק.

דער פלאץ וואו דאס בנין ווערט גישטעלט נעמט ארום א שטח פון 3 מארג לאנד. דער ארכיטעקט אינזש. האלצמאן פארזיכערט, אז דאס בנין וועט זיין גיבויט לויטן מאדערנסטן סיסטעם און לויט אלע תביעות פון היגיעניע און גיזונטהייטס-שוץ. אין א פאר וואכן ארום וועט שוין זיין פארטיק דער פארטער, וואס וועט אריינעמין קרוב 150 קינדער. שפעטער, אז ס-וועלן זיין מיין געלט-מיטלין וועט מען קענין ארויפציען דעם 1-טן שטאק. און נאך קענין בויען אויפן זעלבן פלאץ נאך בנינים.



דאס פארלייענין פונים פא-מיט דעם גרונטשטיין-אקט!

אין דעם בנין פון יעצט וועלן גיין: 4 גרויסע שלאף-זאלן, א שפיל-זאל, ווערענדיס א ברייטע זון-טעראסע, 2 קוכן (אויף מילכיק און פליישיק). א איזאלאציע צימער פאר קראנקע קינדער, וואשצימערן און ספעציעלע שטובן פאר גארדעראבע, ווירטשאפט, וועשעריי ווי אויך קעלערן פאר די פראוויאנט-מאגאזינין.

די ארבייט ווערט גיפירט דורך ה' סעגאל און די בוי-ארבייט פירט אויס די בוי-פירמע ראזן און קאסאיווסקי אין גאווראווע.

**אליעזר גרשון פרידנזאן**

# ספירה צייט

## פון שרה שענירער

דער ליבער שיינער פסח האט זיך מיט אונדז אפגעזעגנט. שוין אוועק זענען די טעג ווען די עלטערן האבן גיקענט מיט די מצוות און מינהגים פון דעם דאזיקן יום-טוב אריינגעבן אין די הערצער פון זייערע קינדער דאס התלהבות פאר אונדזער תורה הקדושה. אלע פעדאגאגן אין דער וועלט מוזן מודה זיין אז קיין בעסערע מעטאדע און לימוד פאר אונדזערע קינדער קאן נישט זיין, ווי עס איז דער יום-טוב פסח. אצינד הייבן מיר אן צו ציילן וואכן און טעג ביז קבלת התורה. ווי א גליקלעכער חתן בענקט צום טאג פון זיין חתונה, אזוי איז ישראל פול מיט ווארטן אויפן אנקומען פון די טעג פון מתן תורה. מיט יעדן טאג וואס גייט אוועק פארגרעסערט זיך אלץ כסדר די תשוקה צו די קומידיקע טעג.

ר' חייא לערנט: „זיבן גאנצע וואכן זאלסטו ציילן, ווען וועלן זיי גאנץ זיין?" (ווען וועט אויפהערן די קללה פון דער צייט און ס-וועלן פער וואונדרן די יידישע צרות?) און ר' חייא ענפערט: ווען ישראל וועט טון דעם רצון פון השי"ת".

די פריערדיקער פון דער מאדערנער צייט הייסן אראפווארפן די יוגנט פו זיך דעם עול פון יידישקייט, דערמיט מיינין זיי, וועלן מיר זיין גיהאלפן און גליקלעך.

זיי די אפיקורסים רופן זיך „פרייע מענטשן" און פארגעסן דערביי אז זיין א קנעכט צום אייגינים „איך" איז קיין גרעסער עבדות און שפלות נישט פאראן

גאר אנדערש פארקוקט זיך דער מאמין און דער שומר התורה אויף דעם וואס עס רופט זיך „פרייקייט", און דא לערנט אונדז דאס ספירה-ציילן זייער א סך.

•

די צווייטע פסח-נאכט ווען מ-האט אנגיהויבן שניידן דעם עומר און ברענגין דעם ערשטן גערשט צום כהן — כאטש דער גערשט איז שוין לאנג צייטיק גיוועזן — האט ערשט דעם ייד מתיר גיוועזן אים צו נוצן.

און אונדזער הייליק לאנד האט דאס ספירה-ציילן גירופן צו אלע יידן צוזאמין און צו יעדן ייד באזונדער: דאס לאנד וואס איר פארמאגט, דער אקער וואס גיהער אייך און די פירות וואס זענין אין אייער רשות, דאס אלץ איז פארט נישט דער עיקר פון אייער יידיש לעבן. ווען איר וועט מקיים זיין די תורה וועט טאקע דאס אלץ זיין אייער, און אויב חלילה נישט, וועט דאס פעטע לאנד און זיין זיסע פרוכט פאר אייך פארלוירן גיין.

און וואס איז גישעען?

אזוי לאנג טאקע ווי ישראל האט דעם מהות און באטייט פון ספירה-ציילן פארשטאנין איז ישראל גיזעסן אויף זיין ערד און גישניטן מיט גיזאנג זיין אייגינער תבואה. וויבאלד אבער דאס יידישע פאלק האט פארגעסן זיין תכלית, איז אוועקגינומען גיווארן פון אים זיין לאנד, זיין פרייהייט און זיין גאנץ נאציאנאל-פארמעגן.

* * *

צוויי טויזנט יאר, וואגלט שוין דער ייד אין גלות און נישטא מער די אייגינע פעלדער, אפגינומין גיווארן די היים און א חורבה איז פון אלץ גיווארן און במילא איז דאס ספירה ציילן גיווארן זייער פראבלעמאטיש. און פארט ווען מיר האבן שוין נישט אפילו דעם כהן און נישט ארץ ישראל און נישט דאס בית-המקדש זעען מיר נישט אז ס-זאל אנקומין אין יידישן הארץ א בענקשאפט צו תשובה און עס האלט חלילה גאר שלעכט אפילו מיט דעם אלטן קולטור-פארמעג וואס עס איז אונדז נאך פארבליבן.

די גאנצע גלות-געשיכטע, וואס אין איר פארלויף זענין אזוי פיל טרויריקע צייטן גיוועזן, דערציילט אונדז אז די ספירה-צייט איז גיוועזן מסוגל פאר די בלוטיקסטע און מורא-דיקסטע יסורים און חורבנות. מיר זענין אבער ארויס גישטארקט אין אונדזער בטחון דוקא פון די אלע טרויעריקע איבערלעבונגין.

די יידישע נשמה איז נאך גיבליבן וואכידיק און דאס גיפיל פון חיות און בענקשאפט איז נישט אפגיטעמפט גיווארן. אונדזערע הערצער זענין נאר א ביסל פארשלאפן און ס-איז טאקע אונדזער הייליקסטער חוב דאס יידישע הארץ אויפצואוועקן פונים לעטארגישען שלאף.

די אלע קדושים וואס זענין גיגאנגין אויף קדוש השם מיט שמע-ישראל אויף זייערע ליפן אין פייער און פלאמין, זיי אלע לעבן אויף אין די טעג פאר אונדזערע אויגן.

זאלן מיר לייענין די טראגישע בלעטער פון זייער לעבן און שטארבן און שוין דאס וועט אונדז צו א פארשטארקטער אמונה פירן. זאלן מיר אין די ספירה-טעג ציילן אונדזערע מעלות און חסרונות און פאר אונדז „בנות אגוד ישראל" איז דאס ציילן די טעג וואכן און יאר, שוין גיווארן א סימן פאר בענקשאפט צו לעבן מיטן גאנג פון עלי-אידעאל, למנות ימינו כן הודע!

*

גראד גיפאלן די היינטיקע ספירה-טעג נאכדעם ווי מיר האבן אפגישלאסן א תקופה פון 5 יאר בנות-אגודת-ישראל ארבעט און מיר שטייען אצינד ערב דעם ווארשעווער צוזאמינפאר, וואו ס-וועט בע"ה ווידער גילייגט ווערן דער יסוד פאר א נייער תקופה פון אונדזער באוועגונג.

זאל-זשע יעדע פון אונדז קומען צום צוזאמינפאר מיט דעם חשבון טון ציילן, וועגן און מעסטן, אונדזערע מעשים נאר דעמלט ווען מיר וועלן אזוי טון וועט אין אונדזער ארבעט זיין הצלחה און מיר וועלן דערנענטערן די שעה, פון אמתער גאולה און חרות הנפש...

# די גיטרייע תלמידים

פון בוך: אין גלאנץ פון דער שכינה. וואס וועט בקרוב דערשיינין.

רבי זושא האט גידינט
דעם אייבערשטן מיט פייער...
גיקליבן יידישע נשמות
ווי אוצרות אין שייער...

גלות אפגירעכט
אויף ווייטע וועגן...
מיט זיין ברודער אלימלך
גיוואגלט אין שניי און רעגן...

פון ישוב צו ישוב,
פון ארט צו ארט
פארשפרייט די בשורה
פון בעש"ט, און זיין הייליק ווארט...

אליעזר שינדלער



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון a 069 הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 4 מתוך 16

# נאך וועגן געטלעכע לידער

## פון ד"ר שלמה בירנבוים

אַ שיינעם דאַנק די אַלע, וואָס האָבן מיר אַרײַנגעשיקט לידער (ווער ס-האָט נאָך נישט געשיקט, בעט איך זיי עס צו טון.) ווי געשיקט זיך, וועל קען נישט אַ פּאָר לידער? און זאָל מען נישט מיינען, אַז מע דאַרף נישט שיקן אַ ליד, ווײַל מע וועט עס אַוודאי שוין קענען. אויף דעם אופן קען אַמאָל זײַן, אַז אַ ליד קומט גאָר נישט, ווײַל יעדער פֿאַרלאָזט זיך אויפֿן אַנדערן. — כ'וועל הײַנט ברענגען אַ פּאָר פֿון די לידער, וואָס כ'האָב באַקומען.

•

אַ באַל איז פֿאַר אונדז אַלע אָנגעגרייט,
מיר זענען געבעטן צו דעם ::ת,
אַ זאַל מיט קרעדענצן פֿאַרבנט שטייט,
אין מיטן ליגט דער לויתן.

מלאָכים, משרתים, שטייען,
דער סאַרוועטר איז דער אויבערשטער אַליין,
און ער טיילט אַלץ, וויפֿל איינער האָט די ווערט,
דער סאַרוועער טראָגט די קרוין
ער טיילט אַלץ יעדן נאָך זײַן לוין,
און ער טיילט אַלץ, וויפֿל איינער האָט די ווערט

אָבער ווער ס-איז נישט געבעטן אויף דעם באַל,
דעם לאָזט מען נישט אַרײַן אין זאַל,
און דער מוז אין דרויסן שטיין,
און קען אויפֿן באַל נישט אַרײַנגיין.

סע קומען פֿון ווײַטע לענדער
הערן אין הויכע צילענדער:
„הײַנט לאָזט מיך אַרײַן
אויפֿן באַל וויל איך זײַן.

איך בין מיר דאָך אַ שׂררה,
טויזנט רובל פֿאַר אַ כּפּרה!
הײַנט לאָזט מיך אַרײַן,
אויפֿן באַל וויל איך זײַן!"

„דו ביסט בײַ מיר ניט קיין ייחוס,
דאָ דאַרף מען נאָר בטוחות,
און דו ביסט בײַ מיר קיין שום בטוח!"

דעם קאַרק אײַנגעבויגן
דאָרט גייט אַן אַלטער מאַן,
זײַן בילעט טראָגט ער בײַ זיך אין דער האַנט.
ער שטעלט זיך אַנידער און ר-איז גאָר אײַנגעשפּאַרט.
ער זאָגט: „וויפֿל צרות האָב איך געליטן,
הײַנט בין איך דאָ אַ מחותּן,
הײַנט לאָזט מיך אַרײַן,
אויפֿן באַל וויל איך זײַן!"

אַברהם אָבינו גיט אים באַלד די האַנט.
ער זאָגט: „רבונו-של-עולם, ער איז מיר גוט באַקאַנט"
און מע מאַכט באַלד פֿאַר אים אַן-אָרט,
צווישן אַלע צדיקימלעך דאָרט,
מע טאַנצט, מע זינגט, אַלע צוזאַמען דאָרט.

אַרײַנגעשיקט פֿון אסתּר ראָזע, בענדין, געהערט פֿון איר מוטער.

הארכיון היהודי

דאָס איז אַ ליד מער פֿונעם רעליגיעזן געדאַנק ווי פֿונעם רעליגיעזן געפֿיל, אַט דאָס ליד פֿון עולם-הבא. פֿאַרקערט איז עס בײַ דעם צווייטן ליד, וואָס פֿירט אונדז אין עבר און הווה:

*

מיר וועלן פֿאַרציילן די מעלות פֿון די הייליקע ייִדאַלעך:
די ערשטע מעלה: אום אני חומה,
ווידער אַ מעלה: ברה כחמה
כאַטש, כאַטש, כאַטש, גולה וסורה
דאָך, דאָך, דאָך דמתה לתמר.

* ווידער אַ מעלה: ההרוגה עליך
נאָך אַ מעלה: נחשבת כצאן טבחה,
כאַטש, כאַטש, כאַטש זרויי בין מכעסי,
דאָך, דאָך, דאָך חבוקה ודבוקה בך.

ווידער אַ מעלה: טוענת עולך,
נאָך אַ מעלה: יחידה ליחדך,
כאַטש, כאַטש, כאַטש כבושה בגולה
דאָך, דא , דאָך לומדת יראתך.

ווידער אַ מעלה: מרוטת לחי,
כאַטש, כאַטש, כאַטש נתונה למכים
דאָך, דאָך, דאָך סובלת סבלך.

ווידער אַ מעלה. עניי סוערה,
נאָך אַ מעלה: פדית טוביי

וואָס זענען זיי? — צאן קדשים.
און ווי רופֿן זיי זיך: קהילות יעקב.
מיט וועמען צייכענען זיי זיך? רשומים בשמך.
וואָס שרײַען זיי? שואגים הושע-נא.
און אויף וועמען פֿאַרלאָזן זיי זיך? תמוכים עליך
ווי רופֿן זיי? הושע-נא!

אַרײַנגעשיקט פֿון י. הלוי בירנבוים. לאָדזש.

אַט דאָס ליד, וואָס איז געמאַכט אויף די הושענות, איז פֿונעם „קדושת לוי". פֿון ר' יצחק לוי באַרדיטשעווער, ווי מען דערציילט.

ווײַער פֿאַרשפּרייט איז הײַנט דאָס ליד. וואָס אַ טייל דערפֿון האָב איך געבראַכט דאָס ערשטע מאָל.

אדיר הוא ולא ינום,
בהור הוא ולא ישן —
שדי תושיע!
הן בעיר. הן בכפר,
הן בבקעה, הן בהר,
הן בשדה, הן ביער —
תוציאנו מגלות המר!
למה פניך תסתיר,
תשכח ענינו ולחצינו?
אוי געוואַלד, אוי געוואַלד,
אוי געוואַלד, אוי געוואַלד,
רבונו-של-עולם, דו ווייסט דאָך אַליין,
כי שחה לעפר נפשנו
דבקה לארץ בטננו...

---

Hamburg 13, Dillstr. 19



עמוד 5 מתוך 16
בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 069 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

איבער דעם בעט מין דיך:
קומה, קומה, קומה, קומה
קומה עזרתה לנו
ופדינו למען חסדך.

גדול הוא ולא ינום,
דגול הוא ולא ישן —
שדי תושיע!
אא״וו

הדור הוא ולא ינום,
ותיק הוא ולא ישן —
שדי תושיע!
אא״וו

זכאי הוא ולא ינום,
חסיד הוא ולא ישן —
שדי תושיע!

און אזוי וויטער מיט די ווערטער: טהור, יחיד, כביר, למוד, מלך, נורא, סגיב, עזוז, פודה, צדיק, קדוש, רחום, שדי, תקיף — פונים ליד אין דער הגדה. דא האבן מיר ווידער אן-אנדערן טיפ פון די געטלעכע לידער: גיבעט אף ישועה, אף גאולה, אפן משיח.

ארייַנגישיקט פון י׳ ח׳ עלכנאוויץ, פשעדבאזש.

אצינד נאך די ערשטע שורות פון א ליד, וואס ס-האט מיר ארייַנגישיקט בנציון פילווינסקי, לאמזשע. ער האלט, אז דאס האבן מחבר גיווען די תלמידים פון דער נאווארעדיקער ישיבה „בית-יוסף״.

אין אן-ארביט וועגן די געטלעכע לידער וועט מין זיך אויך כוזן פארנעמין מיטן דאזיקן טיפ, אבער א פאלקס-ליד אזוי ווי די ביז-אהעריקע קען מין דאס נישט אנרופן. דא שפירט זיך שוין די השפעה פון עלטערן יידישן טעאטער-גיזאנג.

אן-אומהלע א קליינע,
צוזייט איבער דער גאנצער וועלט,
מיט זיטן גאר גאנץ שיינע
איז זי צוזאמינגישטעלט.

נאר וואס זי צייכנט זיך איוס גאנץ בעסער
און סע גלאנצט אף איר די פאן,
דאן ווערט די שנאה צו די יידן גרעסער
אבער שלעכטס קען איר קיינער גיט טאן.

כאר:
מיר, מיר יידאלען
מיר, מיר יעקאלעך
מיר, מיר, מיר, מיר.
מיר ישראליקלע.

דאס גאנצע גיבייַ איז נישט ווי פון א פאלקס-זאך. פאראן גינוג דייַטשע ווערטער: זיטן, האכצייַט, ליבן, פראכט, פיר, ליבעס קינד. אן-אפ-גידראשן סענטימענטאלקייט, ווי אין דעם לאנגן ליד ווערט איבער-גיגעבן דאס אלטע משל: דער רבונו-של-עולם איז דער פאטער, די תורה די כלה, ישראל דער חתן. דאס לשון פון פאלקס-ליד איז פשוט און קלאר, אין דערבייַ שארף און בולט. דא, אין דעם ליד, איז עפיס א קאשע מיט אומגילומפערטע ווערטער: א פאלק איז צוזאמינגישטעלט מיט זיטן; גאנץ בעסער; די פאן גלאנצט; און די מליצה, אז קיינער קען נישט כון קיין שלעכטס די יידן, איז נישט זייער גיראטן.

צום סוף צוויי לידער, וואס זענין אויך פאלקס-לידער, כאטש דער מחבר איז באוואוסט. דער עיקר איז אבער דא דאס פאר-שפרייטונג זייערס. זיי זענין באשאפונגין פונים קאליווער רב. דאס ערשטע איז א פראגמענט פון א גרעסער ליד, וואס גיסט אויס דאס בענקשאפט פון דער יחידישער נשמה צום אייבערשטן.

ברודער, ברודער, הארצידיקער,
כ-קאן אן דיר נישט זיין קיין מינוט,
זאל מין זאגן, אז איך בין שיכור —
דו ביסט זיס, דו ביסט גוט!

כ-קאן אן דיר נישט פארגעסן,
דו ביסט בעסער, ווי גוטער ווייַן,
כ-האב נישט מער קיין אינטערעסן,
איך בין דייַן און דו ביסט מייַן!

אז איך האב דיך ביי מיר,
איז מיר בעסער, ווי א מלך,
כ-דארף נישט קיין ווייַן, קיין ביר
ס-איז אזוי אויך זייער פריילעך.

כ-קאן אן דיר נישט פארגעסן,
אא״וו.

באלד אין דער* פרי, באלד באגינין
ווי כ-עפן מייַנע אויגן,
האב איך דיך שוין אין זינין
גערן צו דיר גיפלויגן.

כ-קאן אן דיר נישט פארגעסן,
אא״וו

ארייַנגישיקט פון אלטער שנור אין ביעטש.

מיטן אנדערן ליד, וואס איך ברענג הייַנט פונים קאליווער, קומין מיר ווידער צום כלל. די גאולה איז דא דאס ענין:

אף די גרינע גראזן,
אפן פרייַען פעלד
האט זיך א פייגאלע
אנידערגישטעלט.

וואס פאר א פייגאלע איז דאס
וואס פאר א פייגאלע איז דאס?

פערל פיסקל,
געלע פיסלעך,
ס-קען גיין קיין ירושלים.

ווען וועט דאס זייַן?
ווען וועט דאס זייַן?
אז משיח וועט קומין.
במהרה בימינו,
דעמלט וועט דאס זין!

ארייַנגישיקט פון משה אפרים מאשקאוויץ, אוסטריק.

**זייער** שווער איז מיטן ניגון פון די לידער. ״ערווייל האב איך נאך נישט באקומין קיין שום ניגון, און נאר איין צו-זאג וועגן ניגונים. בעט איך זייער, מע זאל זען אויסצוזוכן מענטשן, וואס קענין פארשרייבן א ניגון און אים זינגין די לידער. וואס ער קען נישט אליין, אויך די וואס זענין שוין גידרוקט אין בית-יעקב. אויך ביי די ניגונים זענין פאראן פארשידינע נוסחאות.

---

## תיקון טעות

אין „משה רבי׳ס טויט״ פון שלמה בירנבוים (ביי נומער 67-68) דארף מין אויסבעסערן:

סטראפע פיר דארף זיין: „זיי זענין מייַן גיוועזן, מייַן קינד״.

אף ז׳ 13: אין דער מיטלסטער סטראפע פון אויבן, דארף צום סוף שטיין: ושטום. ד״ה די לעצטע שורה איז: דאס זענין צוויי זונין, וואס פיעגן אים שטום.

אין דער סטראפע דערנאך, שורה דרייַ: „העי, טראג דיך אפיט פון מיר!

# אונדזער פרויען-באוועגונג און דאס סאציאלע פראבלעם

פון ג. שצופאק

א.

די רעליגיעזע פרויען-באוועגונג פארנעמט שוין היינט א גאנץ אנגיזעען ארט אין אלגימיינים יידישן רעליגיעזן לעבן. עס עקזיסטירט און ווירקט א גוט ארגאניזירטע מחנה פון טויזנטער יידישע טעכטער, וועלכע זענען שטאלץ מיט זייער רעליגיעזער אייגנארטיקייט און ווייזן ארויס שיינע מעשים פאר תורה און יידישקייט.

דאס באוואוסטזיין, אז די יידיש-רעליגיעזע פרוי דארף זיך ארגאניזירן, כדי זי זאל פארשטעלן מיט זיך א גישלאסינע איינהייט איז שוין גינוג רייף. די ארבייט גייט שוין היינט אין דער ריכטונג פון זוכן די מיטלין, ווי אזוי אוועקצושטעלן דאס יידישע לעבן אין זיינע טראדיציאנעלע פארמין; ווי אזוי צו באקעמפן די אלע פרעמדע השפעות און לעבנס-פארמין, וועלכע רייסן זיך אריין אין דער יידישער מחנה. ס-פארשטייט שוין יעדער, אז ס-איז בשום אופן נישט מעגלעך צו טראכטן, וועגן איינפירן תיקונים אין לעבן, אויב מ-זאל נישט האבן די שטארקע מיטארבייט פון דער יידישער פרוי, וואס האט אין איר האנט דעם שליסל פון יידישן הויז אין הוה און עתיד. מיר זעען, אז די „בנות"-באוועגונג פאראינטערעסירט זיך מיט אלע פראבלעמען פון רעליגיעזן יידנטום און צוזאמין מיט דער גאנצער ארגאניזירטער ארטאדאקסיע שטרענגט זי זיך אן צו ווירקן צו זייער לעזונג.

אמת, די הויפט-אויפגאבע פון „בנות" איז א קולטורעלע. איז דאך די דורכשניטלעכע יידישע טאכטער ביז יעצט אזוי ווייט גיווען פון יידישן אינהאלט, אז בכדי איר צו אקטיוויזירן, מוז מען תחילת אין איר איינפלאנצן פיל יידישן תוכן, אז זי זאל וויסן וואס דאס יידנטום פארלאנגט פון איר.

מען טאר אבער נישט פארמאכן די אויגן פון דערווירקלעכקייט: דאס היינטיגע לעבן איז אזוי גאנגרעניזירט, אז א קעגן-אקציע, איז א גיבאט פון דער שעה און הייסן ווארטן ביז די יידישע טאכטער וועט זיין אינגאנצן אדורכגידרונגין מיטן תורה-באוואוסטזיין — הייסט בידים שטופן נאך פיל יידישע נשמות צום אפגרונט, ווייל דער תהום פון דער היינטיקער צייט איז אזא גרויסער, אז ער שטייט נישט אפ אפילו א מינוט פון איינשלינגען קרבנות. די „בנות"-באוועגונג מוז דערום אויך זוכן די פראקטישע מיטלען, ווי אזוי משפיע צו זיין אפן ארומיקן לעבן; ווי אזוי שוין צו ווירקן אפצושטעלן דעם אפפאל-פראצעס און אויפצובויען דאס יידישע לעבן אף די יסודות פון דער תורה.

פון אלע פראבלעמין, מיט וועלכע* די בנות-באוועגונג דארף זיך באשעפטיקן איז דאס סאציאלע פראבלעם אייגס פון די וויכטיקסטע.

די מאטעריעלע זארגן פארנעמין היינט אזא גרויס ארט איגים מענטשלעכן מח, אז עס קען גאר נישט מעגלעך זיין, מ-זאל קענין עפיס ממשות-דיקס אויפטון, נישט באשעפטיקנדיק זיך מיט זיי. יעדע באוועגונג מוז זיך באשעפטיקן מיט דער הויפט-פראגע, וואס גייט נישט אראפ פון טאג-ארדנונג פון יעדן יחיד, דאס איז די זארג פאר דער עקזיסטענץ. זייער פיל האבן די עקאנאמישע באדינגונגען גיווירקט דערצו, אז דאס יידישע לעבן זאל פארלירן זיין טראדיציאנעלער צורה. גרויס איז די מחנה פון אפטריניקע, וועלכע האבן אונדז פארלאזט, נישט מיט זייער גוטן ווילן, נאר ווייל די עקאנאמישע באדינגונגען האבן זיי דערצו גיפירט. אויב מיר ווילן, אז אזוי זאל ווייטער נישט זיין, מוזן מיר דערצו עפיס טון.

ב.

די וויכטיקייט פון סאציאלן פראבלעם פאר דער רעליגיעזער פרויען-באוועגונג פאדערט א באגרינדונג פון פראגראמאטישן און פראקטישן קוק.

פראגראמאטיש שטעלט זיך דער ענין אזוי פאר: אויב „בנות" האלט פאר איר ציל די הערשאפט פון דער תורה איבער דעם יידישן לעבן, טאר זי נישט אדורכלאזן קיין שום גילעגנהייט, אז זי זאל דאס תורה-ווארט נישט זאגן און ווי פאדערט זיך נאך אזוי שטארק צו לאזן הערן דאס אמת-ע תורה-ווארט, ווי אינים סאציאלן לעבן! דער מקור פון אלעם שלעכטן איז דאך אין דער היינטיקער עקאנאמיק. די ווירטשאפטלעכע באדינגונגין פון היינט, פאראורזאכן דאך אזוי פיל עוולות און אומגירעכטיקייטן. דער עגאאיזם הערשט מיט זיין גאנצער מאכט און פארגרעסערט פון טאג צו טאג די מחנה פון ארויסגישטויסינע פון לעבן, פון אומגליקלעכע, וועלכע ווערן גישטויסן צום אפגרונט.

צי דארף אלזא נישט זיין די אויפגאבע פון רעליגיעזן יידנטום — דארונטער אויך פון דער רעליגיעזער פרויען-באוועגונג -- צו לאזן הערן דאס אלטע און אייביק-נייע תורה-ווארט פון „ואהבת לרעך כמוך" און „וחי אחיך עמך"? די אויפגאבע פון דער רעליגיעזער גיזעלשאפטלעכקייט דארף זיין צו רייניקן די יידישע מחנה פונים שמוץ, וועלכים די קאפיטאליזאציע פון דער ווירטשאפט האט אריינגיברענגט אין די מענטשלעכע באציאונגען און אין דער יידישער נשמה.

אויב „בנות" שרעבט צו דער כובערניטעט פון דער תורה, מוז זי באקעמפן אלע מינים פשרות מאכעריי מיט די תורה-גיזעצן, וואס א טייל יידן דערלויבן זיך, ווי למשל: נישט געבן קיין רעליגיעזע יידן קיין ארבייט א. אז. וו. די ארבייט פון בנות מוז גיין אין דער ריכטונג פון רייניקן די יידישע אטמאספערע און איינצופלאנצן אין איר די אמת-ע יידישע אידעאלן פון יושר גירעכטיקייט און ערלעכקייט.

הארכיון היהודי

ספעציעל די יידישע פרוי איז גיפאסט פאר אט דער דאזיקער ארבייט אויך פון נאך א פראגראמאטישן שטאנדפונקט: איינס פון די הויפט-פונקטן פון בנות-פראגראם איז דער קאמף קייגן לוקסוס. ס-איז שוין גינוג באטאנט גיווארן אויף וויפל דער דראנג נאך לוקסוס גראבט אונטער די יסודות פון דער מאראל און פאמיליען-לעבן און דערפירט צו עקאנאמישער רואין. מ-האט זיך אבער ווייניק אפגישטעלט דערויף, אז דאס ווערן נאכקומין אלע קאפריזן פון מאדע דערפירט אויך צו דער ירידה פון דער עטיק און יושר אין ווירטשאפטלעכן לעבן. ווען דער מאן מוז נאכקומין אלע פארלאנגין פון דעם לוקסוס-אפעטיט, וועלכע ער קען דורך רעעלער ארבייט נישט דערגרייכן, מוז ער זיך לאזן אפן וועג פון שווינדל, באטריגעריי און עקספלאאטאציע.

וויפל קען די רעליגיעזע פרוי — דורך איר אפזאגן זיך פון דעם לוקסוס — איינברענגין טרערן פון בארויבטע און עקספלאאטירטע! דער שליסל פון דער גירעכטער ווירטשאפט ליגט ביי דער פרוי אין דער האנט. דורך איר איינגיבוירינים גירעכטיקייט-גיפיל קען זי האבן א גרויסע השפעה, אז די צאל אומגירעכטיקייטן זאל ווערן וואס קלענער און דאס יושר-דיקע האנדל פון מענטש צו מענטש — וואס אפטער. מיט איין ווארט: די יידיש-רעליגיעזע פרוי איז פון איר מהות דער ריכטיקער עלעמענט צו דער היסטארישער אויפגאבע פון איינפלאנצן די יסודות פון אייביקן תורה-יושר אין לעבן, און אט די ארבייט מוז פארנעמין א חשוב ארט אין דער טעטיקייט פון אונדזער פרויען-באוועגונג.

**וועגן דער פראקטישער זייט פון דער פראגע אין צווייטן ארטיקל.**



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 069 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

אליעזר שינדלער
מינכן

# וואס גרים האבן מיר דערציילט

זכרונות פון גיפאנגינשאפט

נאכדרוקן פארווערט

א.

**גרים** זענין גיווען צושפרייט איבער גאנץ רוסלאנד. ביי די ברעגיס פון קאספישן ים. אין וויטן צפון און אין די קאווקאזער בערג. דער רוב גרים — האט גיוואוינט אין די קירגיזישע סטעפיס פון דער אסטראכאנער און סאראטאווער גובערניע. די קאווקאזער גרים האבן גיהאט די מעגלעכקייט זיך צו פירן גאר אינגאנצן יידיש. אין שטאלצן קאווקאז אין דעם „גליל הגוים", וואו ס׳האבן גילעבט אויף איין שטח אזא גרויסע צאל פעלקער און שבטים, האט פעטערסבורג נישט גיקענט האבן אזא שליטה ווי אין די צענטראל-רוסישע מדינות. די השפעה פון דער פראוואסלאווער צערקווע און פון „הייליקן סינאד", איז דארט אין וויטן מזרח נישט גיווען אזוי שטארק. פאר די קאווקאזער גרים האט זיך דאס פראוואסלאווע רוסלאנד נישט אזוי גישראקן. אין זיי נישט גיזעען קיין זא גרויסע סכנה, ווי אין די גרים פון קירגיזן-סטעפ, וואס האבן גיוואוינט אין א פראוואסלאווער סביבה.

חוץ דעם האט די רוסישע מאכט אין קאווקאז גיהאט אנדערע דאגות. די רוסישע פארוואלטונג האט דארט גימוזט „משגיח זיין" אויף סכנות-דיקערע שונאים ווי די גרים, האבן די קאווקאזער גרים גיהאט מער הירות און נישט גיליטן אזוי פיל צרות און רדיפות ווי די גרים אין קירגיזן-סטעפ. גיהאט יידישע מלמדים, שוחטים און בתי-תפילה און זיך אומגישטערט גיקענט צונויפקומין מיט די קאווקאזער יידן און פון זיי לערנען יידישקייט...

ב.

**צו** מיין צער האב איך נישט גיקענט איפזיכן די קאווקאזער גרים-ישיבות. אין יאר תרע״ח, ווען איך בין גיווען אין אסטראכאן האב איך שוין נישט גיהאט קיין מעגלעכקייט זיך אריבער צו כאפן אויף „יענער זייט" קאספישן ים. איך האב אבער גיהאט די זכיי זיך צו באקענין מיט קאווקאזער גרים „ביעזשענציס" אנטלאפינע, וואס האבן גיפוגיי א מקום מקלט ביי זייערע גרים-ברידער אין קירגיזן-סטעפ. דאס יהדות איז ביי די קאווקאזער גרים גיווען זייער שטארק פארווארצלט און כמעט אין גאנצן פריי פון סעקטאנטישקייט... די גרים אין קירגיזן-סטעפ האבן די גרים ביעזשענציס פון קאווקאז שטארק מקרב גיווען. זיי אויפגינומין בסבר-פנים-יפות. די גרים האבן בכלל שטארק גיהאלטן פון צדקהי דערגרייכט א הויכע מדרגה פון רחמים און פון צניעות... גינומין אויף זיך דעם עול מלכות שמים, זענין זיי גיווארן ביישנים און גומלי-חסדים, זיך דערווייטערט פון פריצות, עזות, הפקירות און שפיכות דמים, שלעכטע מידות, וואס זענין גיווען זייער שטארק פארשפרייט צווישן די פראוואסלאווע רוסן... א טעות צו האלטן די גרים פאר עצבות-דיקע מענטשן, אסקעטן, בטלנים. זיי זענין, על-פי-רוב, הויכע, שיינע, גיזונטע מענטשן, אויסגיצייכנטע פויערים, עובדי אדמה און בעל מלאכות. ווי: סטאליארים, קאוואלים, וכדומה. די פראוואסלאווע רוסן און אנדערע סעקטאנטן האבן מיט די גרים גילעבט בשלום. זעלטן צווישן זיי גיווען מחלוקת. האט זיך אבער א קריסטלעכער רוס גיקריגט מיט א גר האט ער אים מכבד גיווען מיט „זשיד פראגלאטי", „פארשאלטינער ייד", נאר מיט דעם דאזיקן זידל ווארט פלעגט זיך דער גר, כמעט, פרייען, גיווען גליקלעך אז דער „גוי" רופט אים „זשיד". „זענין מיר דאך פארט יידן" — פלעגן מיר די גרים דערנאך זאגן. „מיר זענין גליקלעך וואס מען זידלט אונדז מיט דעם זעלבן נאמין וואס מען זידלט אלע יידן". נאר זיך מכניע זיין פארן גוי, האבן די גרים קיינמאל נישט גיוואלט...

א אלטער גר האט מיר דערציילט, אז מיט א סך יארן צוריק האבן זיי גיהערט, אז אין צאריצין ווילן די רוסישע כוליגאנים מאכן א פאגראם אויף יידן, האבן זיך אלע גרים אין יענער געגנט גיגרייט אריין צו מארשירן קיין צאריצין מיט זייערע קאסיס צו באשיצן די יידן...

ג.

**על**-פי-רוב האט מען די גרים גירופן סובאטניקיס. פון רוסישן ווארט „סובאטא", מענטשן וואס האלטן שבת. אין א טייל קאנטן האט מען זיי גירופן „טשאפאטשניקי" דאס הייסט „היטלעכניקעס", מענטשן וואס דאווינין מיט די היטלעך אויף זייערע קעפ. די גרים גופא האבן זיך גירופן „גערי", אדער רוסיש „פרישעלצי". אין די פאספארטן זייערע, איז נישט גיווען פארשריבן „יעווריי" ווי ביי יידן, נאר „יודעיסקע וויערעאיספאווידאניע", דאס הייסט „יידיש גלייביקע". די רוסישע צאריסטישע מלוכה האט די סובאטניקיס פיינט גיהאט בתכלית השנאה. נאר זיי באצייכינין אלס „יידן" האבן זיי פארט נישט גיקענט...

אויף מיינע נסיעות אין קירגיזן-סטעפ האב איך באגעגנט א סך גרים, וואס האבן נאך קיינמאל קיין יידן נישט גיזעען, נאר די גרים וואס האבן זייער מיליטער-צייט פארבראכט אין שטעט און גובערניעס מיט א יידישער באפעלקערונג, האבן גיוואוסט ווי יידן זעען אויס, ווי זיי פירן זיך, ווי זיי לעבן און ליידן..

אן עלטערערער הער האט צו מיר גיזאגט:

„אונדזערע זין מוזן בשעת דער סלוזשבע, בעתן מיליטער-דינסט אויסשטיין א סך צרות. די וואס קומין אבער אין יידישע קאנטן האבן נישט אזוי פיל צו ליידן. מיר ווייסן זייער צו שעצן, וואס יידן זענין מקרב די „גרים זעלנער".

„מיר זענין דאך אייערע אמת-ע ברידער", האט צו מיר דער דאזיקער גר גיזאגט. „מיר און אונדזערע זיידיס האבן א סך גיליטן פאר יידישקייט. אמת, היינט פילן מיר נישט אזוי דעם גלות, אונדזערע שונאים, די פראוואסלאווער גלחים זענין מיד גיווארן. אבער, אז צו אונדז קומין בשורות פון רדיפות אויף יידן, האבן מיר דערפון גרויס צער"...

„מיר ווייסן", זאגט צו מיר אמאל אן אנדערער גר, „אז נישט אלע יידן פירן זיך יידיש, א סך יידן גייען אראפ פון יידישן וועג, האלטן נישט קיין שבת. ווארפן פון זיך אראפ דעם עול המצוות, אבער מיר גרים טארן נישט רעדן אויף קיין יידן און דער עיקר — מיר גרים טארן זיך נישט קיין ראיה נעמין פון די דאזיקע יידישע פושעים.

א ייד אפילו ער זינדיגט איז ער נאך אלץ א ייד, אמת טאקע א שלעכטער ייד, א מיאוסער ייד, אבער פארט אן איינִיקל פון אברהם, יצחק ויעקב... ווי דער „פראראק" דער נביא ישעי׳ האט גיזאגט:

„כל רואיהם, יכירום כי הם זרע ברך השם".

„אלע וואס זעען יידן דערקענין, אז זיי זענין א ג-ט-גיבענטשטער זאמין".

אבער מיר גרים, אז מיר ווערן פושעים, האלטן חלילה נישט קיין שבת, היטן נישט קיין תורה ומצוות, זענין מיר דאך גוים גמורים אן א ברעקל שיכות צום אייבערשטנס פאלק...

ד.

**א** סך זכרונות און אנעקדאטן האבן גיהאט צו דערציילן די עלטערע גרים. אין רוסלאנד און בפרט אין וואלגער קאנט זענין גיווען זייער א סך סעקטיס. פון די סובאטניקיס האט דער ברייטער עולם ווייניק גיהערט. עטלעכע חדשים בין איך גיווען אויף ארביט אין א דערפל אין סאמארער סטעפ און נישט גיוואוסט,

ארכיון אסופות
הארכיון היהודי



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 069 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

אז גאָר נאָנט אין שכנישן ישוב וואוינען גוים. לויט דעם פנים האָט מען קיין גוים קיינמאָל נישט דערקענט. איך האב גיזעען טויזנטער גוים און צווישן זיי קיי יידיש אויסזעען קיינמאָל נישט באגע.נט.

אז יידן אדער רוסן פלעגן דאָס ערשטע מאָל באגעגינען גוים, האבן סיי יידן סיי רוסן נישט גיקענט משיג זיין, אז „רוסן אמת-ע מאַסקאַליס" זאלן זיין יידן... היטן יידישקייט. האַלטן שבת, לייגן טלית און תפילין...

אין שטעטל דושאניבעק, — אויף דער באַן-ליניע סאראַטאוו — אַסטראַכאַן (אויף רוסיש האט די ארטשאַפט גיהייסן — סטעפנאי — גאראד) האב איך גיהאַט אַ גוטן פריינט אַ גר איז ער גיווען אַ בעל-מלאכה — א קאוואל, האט ער מיר דערציילט:

ווען איך בין גיקומען צום מיליטער האט מען מיך גישיקט דינען קיין בוזולוג, אַ שטאָט אין ארנבורגער סטעפ. ביז צו יענער צייט האב איך נאך קיינמאָל קיין ייד פאַר מיינע אויגן נישט גיזען; דעם ערשטן טאָג, ווען אַלע ניי-אָנגיקומינע רעקרוטן האבן זיך גיהאַט פאַרזאַמלט אין דעם הויף פון די קאַשאַרן האט דער פעלד-וועבל גישריגן, אַז די רעקרוטן זאלן זיך טיילן אין גרופיס לויט זייערע אמונות. טאַטערן באַזונדער, יידן באַזונדער, לוטעראַנער באַזונדער און פראַוואסלאַוונער באַזונדער. מ-יועט באַלד גיין שווערן די מיליטערישע שבועה, מוז יעדע גרופע באַזונדער שווערן.

דערהערט דעם באַפעל פונים פעלדוועבל, דערציילט מיר דער גר, דער קאוואַל, האב איך מיך אומגיקוקט וואו די יידן האבן זיך גרופירט, און מיך מצרף גיווען צו דער יידישער גרופע. די יידישע רעקרוטן האָבן מיך מאדנע אָנגיקוקט, ווי קום איך עפיס צו זיי? נאר דאָס האט מיך נישט גיאַרט. פלוצים קומט אבער דער פעלדוועבל און זאָגט מיר אַזוי, דיבורים, ווי אַ פאָנישער קען... צונויפגימישט מיט קללות און זידלערייען, און פ-עגט מיך צי איך האב נישט גיהערט, אַז יעדער מוז זיך אויסשטעלן לויט זיין אמונה און פאַרוואָס איך גיי נישט תיכף ומיד צו דער פראַוואסלאַוונער גרופע! ענפער איך דעם פעלדוועבל, אַז איך האב זיין באַפעל גאַנץ גוט פארשטאַנען און אַז איד האב מיך גישטעלט צו דער גרופע וואו איך געהר טאַקע. וואָרן איך בין נישט קיין „צערקאווי" נאר אַ ייד...

דער פעלדוועבל האט אויסגישאַסן מיט אַ גילעכטער. אַ שיינער „יעווריטשיק" פון וואַניט ביזטו, פון באַרדיטשעוו?.. ברודערל, מיט מיר וועסטו קיין קונצן נישט מאַכן, ס-קען זיין, אַז דו* האסט היינט גיטרונקן אַ פאָר איבעריקע כוסות, נאר ביי מיר וועסטו באַלד ניכטער. איך בין שוין אַן אַלטער פעלדוועבל און בין שוין מיט גרעסערע „פילאזאפן" ווי דו ביזט, פאַרטיק גיוואָרן... גיי תיכף אַהין וואו דו גיהערסט צו דיין „סטאַדע"... און אויב נישט, וועסטו באַלד גיוואָר ווערן וואָס „דיסציפלין" און וואָס „סלוזשבע" איז טייטש...

די עטליכע יידישע רעקרוטן לעבן מיר, האבן נעבעך גיציטערט פאַרן פעלדוועבלס „לשון" און איך האב אים שוין גאָר ערנסט גיענפערט, אַז איך וועל פון דער יידישער גרופע נישט אָפטרעטן, איך בין אַ ייד און וועל צוזאַמען שווערן מיט יידן... דערהערט די תשובה איז דער פעלדוועבל גאָר אינגאַנצן אַרויס פון די כלים, גילאָפן מלא רוגזא צום אפיציר און מיך גימסרט, איך בין אַן עזות פנים, מאַך חוזק פונים באַפעל און וויל נישט שווערן מיט די פראַוואסלאַוונע...

דער אפיציר איז גיקומען, מיך גיפרעגט ווי איך הייס, פון וועל-כער גובערניע איך בין, און תיכף פאַרשטאַנען אַז איך גיהער „צו די רוסן וואָס זענען גיווארן יידן"...

„לאז אים" האט דער אפיציר גיזאָגט צום פעלדוועבל „ער איז אַ ייד, דאָ אַ סך אַזוינע יידן אין דער רוסישער אַרמע און זענען נישט קיין שלעכטע זעלנער"...

דער פעלדוועבל האט מיך שוין מער נישט גיטשעפיט. אז ער פלעגט מיך דערנאָך באַגעגינען, האט ער אויף מיר גיקוקט מיט אַ מאדנע רחמנות...

און זיין מוח האט דאָס נישט גיקענט תופס זיין אַ „רוסקי טשעלאוויעק" אַ קרעסטיאַנין זאָל זיין אַ ייד...

## ה.

**אין** גוים-דערפל גאַלאַסאוו האט גיוואוינט אַ יינגער גר יעפרעם (אפרים) שעשלאַניקאוו, אַ גבור חיל, ממש אַן עוג מלך הבשן, האט ער מיר דערציילט אזאַ מעשה-לע:

בשעת מלחמה האב איך גידינט אין אַ קאַזאַקן רעגימענט. מיינע חברים די קאַזאַקן זענען באַלד גיוואָר גיווארן, אַז איך בין אַ גר. מתחילת האבן זיי גישאקלט מיט די קעפ, נאר דערנאָך האבן זיי זיך צוגיוויינט צום „קאזאק" וואָס עסט נישט קיין חזיר, וואָס היט שבת ווי וויט מעגלעך און וואָס לייגט תפילין... און זיי האבן מיך אפילו ליב באַקומען... טיילמאָל האבן זיי אבער פאַר-געסן אָן מיין יידישקייט און חשק באַקומען צו טשעפין יידן, זיי צו שלאָגן און באַראַביוען ווי ס-איז גיווען דער מנהג ביי רוסישע זעלנער, בפרט ביי קאזאַקן, נאר איך האב זיי פון דער דאזיקער מלאכה באַלד אָפגיוויינט... מיינע קאזאַקן האבן קיין יידן קיין שלעכטס נישט גיטוען...

וועסנע צייט תרע"ה, דערציילט מיר ווייטער דער גר יעפרעם, זענען מיר גיקומען אין אַ קאַרפאַטן-דערפל, דארט זיך אויפגיהאַלטן עטליכע טעג און אייגגישטאַנען זענען מיר ביי אַ רייכער פויערישער משפחה. גיהאַט צייט, האב איך מיר אויסגיוואַשן מיין טלית-קטן און אים אַרויפגילייגט אויף דעם פלויט פון דעם פויערישן הויף, ער זאל זיך דארט אויסטרוקינען. בתוך כך האב איך גימוזט אַוועקגיין, קום צוריק, דער טלית-קטן איז נישט דאָ... מתחילת גימיינט דער ווינט האט אים אפשר אַראָפגיווארפן, גיזוכט און נישט גיפונען בין איך אריין צו מיין בעל-אכסניה פרעגן אויב עמיץ פון גיי האט נישט גיזעען וואו דאָס „בגד מיט די פעדים", וואָס איז גיווען אויפן פלויט איז אַהינגיקומען...

רופט זיך אָן דער זון פונים בעל-הבית, אַ חוצפה-דיקער סטודענט. „דאָס האב איך אַוועקגיווארפן די „זשידאָווסקע שמאַטע" מסתמא האט דאָס עפיס אַ „פאַרשיווער זשיד" אויפגיהאַנגען אויף אונדזער פלויט צום טרוקינען"

ני — זאָגט צו מיר יעפרעם — זאלסט דו גאָר נישט פרעגן ווי איך האָב דעם דאזיקן כלב דעמלט גישלאָגן. בלוט איז פון אים גירונען ווי פון אַ גיקוילעט חזיר...

דער פאָטער און די מוטער און דאָס גאַנצע הויז-גיזונט, זענען מיר גיפאַלן צו די פיס, גיבעטן רחמים, לאָז אים לעבן. דו הרגיסט אים דאך, די קולות זענען גיגאַנגען עד לב השמים. ווען איך האב גיזעען, אַז דער שייגיץ האט שוין „גינוג" האב איך אויפגיהערט... צי ער איז נאָך די שלעק נאך אויפגישטאַנען ווייס איך נישט, נאר מיט קיין „טלית קטן" וועט ער שוין קיינמאָל נישט טשעפין...

פאַר די גוים דארט אין קאַרפאַטן-דערפל וועט מסתמא שוין אויף אייביק בלייבן אַ רעטיניש, פאַרוואָס אַ קאזאַק האט זיך אַזוי מוסר-נפש גיווען פאַר אַ יידישע זאַך...


שוין אַרויס פון דרוק

„קינדער גאָרטן נומ. 33"

פון היינטיגן חודש אייר מיט אַ רייכן תוכן

איילט מיט באַשטעלונגין!

אַבאנאַמענט 1 גילדן אַ קוואַרטל.





בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 069 a הודפס מתוך הארכיון היהודי